# און איך בין נאָך אַלץ נישט מיד...

און איך בין נאָך אַלץ נישט מיד
פֿון ליב האָבן מורמל פֿון תּפֿילה.
מײַן פּנים כ׳באַהאַלט אין די הענט.
מײַן וואָרט באַהאַלט איך אין תּהילים.

מײַן ייִדנס געמיט אין מײַן אויג.
ס׳לעבן זייַנס אויף מײַנע פּלייצעס.
הרכּקומען וועל איך ווי ער
אין ווײַל איז מיר ווייל, וואָס איך ווייס עס.

פֿאַרזקנט בין איך שוין פֿון לאַנג.
פֿון אײנזאַמקייט נאָך מער פֿאַרעלטערט.
אַזוי ווי מײַן שכנס טיר — דער הימל
צו מיר — אַ פֿאַרשטעלטער.

די זון אויף מײַן שכנס דאַך
שײַנט אויף אַ פֿרעמדער שפּראַך.



און איך האָב ערשט נעכטן צי הײַנט
אַרויס מיט מײַן ייִנגליש בטחון.
די וועלט וועט אַ יום־טוב מיר זײַן,
מיט שבת — דער מיטנדערוואָכן.

ס׳וועט אָפֿן מיר זײַן יעדע טיר.
און ס׳וועלן פֿון גאַסן די שטיינער
נישט שפּרינגען אַנטקעגן מיט האַס
די ליבשאַפֿט אין מיר צו פֿאַרשטיינען.

די ליבשאַפֿט אין מיר איז פֿאַרשטיינט.
די פֿרעמדקייט אַזוי ווי אַ סאָווע
שטאַרט אויף מיר פֿראַסטיק און בלינד
מיט אומגליק וואָס דאַרף נאָך ווען קומען.

די זון אויף מײַן שכנס דאַך
שײַנט אויף אַ פֿרעמדער שפּראַך.

נאָר איך בין נאָך אַלץ נישט מיד
פֿון ליב האָבן מורמל פֿון תּפֿילה.
מײַן פּנים כ׳באַהאַלט אין די הענט.
מײַן וואָרט באַהאַלט איך אין תּהילים.